פרשת כי תשא
כ"ב אדר תשפ"א
יאר 1 גליון 16

# א גריס פון
# בית פיגא

## מעשיות פון תפילה

### פרי 1 עי - אדי קרויס

איך בעט שוין זייער לאנג די אייבערשער אז מיין פעטער זאל ווערן א חתן, און ש'כח אייבערשטער מיין תפילות האבן געהאלפן און ער איז די וואך געווארן א חתן, ש'כח אייבערשטער!

### ערשטע קלאס - פיגא חנה מזרחי

איך בין געווען אין שיך סטאר מיט מיין מאמע, און איך האב דארט געזען א שיך וואס איך האב זייער שטארק ליב געהאט, האב איך געבעטן די אייבערשטער אז מיין מאמע זאל מיך עס קויפן, און ש'כח אייבערשטער אז מיין מאמע האט מיך עס געקויפט!

### צווייטע קלאס - פערעלע לעזער

איך האב זייער שטארק געוואלט טון מיין היימארבעט פרי, האב איך געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל געדענקען עס צו טון פרי, נישט שפעט ביינאכט ווען איך דארף שוין גיין שלאפן, ש'כח אייבערשטער אז איך האב געדענקט עס צו טון!

### פערדע קלאס - לאה'לע שווארץ

ביי די פורים מסיבה האב איך אראפגעפאלן און זייער שטארק זיך צוקלאפט מיין הענט און איך האב געדארפט האבן א קעסט. האב איך זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל זיך שוין אויסהיילן און איך זאל מער נישט דארפן די קעסט, און ש'כח אייבערשטער אז עס האט זיך שנעל אויסגעהיילט!

### עלטסטע קלאס - רחל'ע גבירא

איך האב געבעטן די אייבערשער פאר פורים און אויך אום פורים אז איך זאל האבן א פרייליכע פורים, איך זאל זיך נישט אויפרעגן, אונישט קיין חילוק וואס עס וועט נאר געשען זאל איך בלייבן פרייליך, און ש'כח אייבערשטער אז א גאנץ פורים בין איך געווען זייער פרייליך!

### בית פיגא ליבערטי - פייגי בוים

שבת האב איך געזען אז איך ענדיג שוין כמעט תהלים האב איך געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל טאקע קענען ענדיגן תהלים, און ש'כח אייבערשטער איך האב געענדיגט תהלים די צווייטע מאל!

## נייעס אין בית פיגא

~ לעצטע וואך מיטוואך פאר פורים, איז פארגעקומען גאר א פרייליכע פורים מסיבה סיי אין וויליאמסבורג און סיי אין שטעטל.

ערשט האבן אלע קלאסן צוזאמען געשפילט א פרייליכע פורים'דיגע געים, נאכדעם איז מען אריין אין איינע פון די קלאסן און יעדע מיידל האט געקענט באקומען א מאסק וואס מען האט געקענט אליינס קאלירן און דעקארירן, עס איז אויסגעקומען הערליך ב"ה! מיר האבן געזען פון דעם אז די גאנצע וועלט איז באמת נאר א פארשטעלאכטס פון די אייבערשטער אזויווי די מאסק פארשטעלט דעם מענטש. דערנאך איז מען געגאנגען עסן לאנטש, נאך לאנטש איז געווען א מעכטיגע קארניוואל מיט פיל אינטערעסאנטע אקטיוויטעטן. ווער עס האט געהאט גענוג טיקעטס האט געקענט באקומען סלאש און פאפקארן. שפעטער האט יעדע קלאס געהאט א שאנס צו טאנצן אויף די גרויסע דזאמפינג באלאן וואס מען האט געברענגט דא אין סקול לכבוד פורים! ש'כח אייבערשטער פאר אזא פרייליכע פורים מסיבה!

אזוי אויך אין שטעטל סקול איז פארגעקומען א הערליכע פורים מסיבה, וואס לאה'לע שטראססער, ברכה קורץ, און עטי וועבערמאן האבן אנגעפירט. עס איז געווען א געשמאקע קארניוועל, מיט א באלאן דענס, און דערנאך האט מען געטאנצן לעבעדיגערהייט לכבוד פורים. ש'כח אייבערשטער!

~ די וואך איז געווען די פרייליכע חתונה פון פעסי ניישטיין (שטראססער) אין ישיבה, עס איז געווען גאר א פרייליכע חתונה. אינמיטן די גרויסע שמחה איז פארגעקומען נאך א שמחה, פערעלע טייטעלבוים א חשובע בית פיגא תלמידה איז געווארן א כלה! ש'כח אייבערשטער פאר אזוי פיל שמחות אין איין נאכט! דער אייבערשטער זאל העלפן אז די שמחות זאלן זיך נישט אפשטעלן, עס זאל זיין נאך און נאך שמחות.

# א בריוו פון דער ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך,
**... תחי', תלמידה בית פיגא.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ב, ה): הלל הזקן פלעגט זאגן: "וְלֹא הַבַּיְשָׁן לָמֵד", דער וואס שעמט זיך וועט נישט וויסן ווי אזוי זיך צו פירן אין לעבן, "וְלֹא הַקַּפְּדָן מְלַמֵּד", און א רבי וואס רעגט זיך ווען מען פרעגט אים צו סאך שאלות קען נישט זיין קיין רבי; **דעריבער זאלסטו זיך נישט שעמען צו פרעגן און איך וועל דיר ענטפערן מיט אייבערשטנ'ס הילף אויף אלע דיינע פראגעס.**

בנוגע ליינען קריאת שמע וכו'; ענדערש זאלסטו זיך צוגעוואוינען צו ליינען קריאת שמע פון א סידור ווי איידער צו ליינען קריאת שמע אויף א טעלעפאן; עס איז נישט כדאי צו לעבן פיר און צוואנציג שעה מיט'ן טעלעפאן, נוץ דעם טעלעפאן נאר צו רעדן וכו', אבער פאר אלע אנדערע זאכן, ווי ליינען קריאת שמע, בענטשן ברכת המזון - זאלסטו נעמען א סידור. און פארשטייט זיך אז דאווענען טאר מען אודאי נישט מיט א טעלעפאן, אזוי ווי עס ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך (אורח חיים סימן צו, סעיף א; משנה ברורה סעיף קטן ה) אז מען טאר נישט האלטן אין די האנט בשעת מען דאווענט קיין שום זאך וואס מען האט מורא אז עס וועט אראפ פאלן.

בנוגע דיין פראגע וועגן זינגען זמירות שבת ווען עס זענען דא פרעמדע מענטשן; א מיידל און א פרוי טארן נישט זינגען ווען עס זענען דא פרעמדע מענטשן, עס וואונדערט מיר ווי עס קען זיין אזאנס אז א טאטע זאל פארלאנגען פון א גרויסע מיידל אזא זאך, קען זיין אז איך האב נישט גוט פארשטאנען די פראגע. מען טאר נישט מיט זינגען אפילו שטילערהייט, און אפילו דער טאטע הייסט דארף מען זיך ארויסדרייען מיט דרך ארץ, און חס ושלום נישט מיט זינגען.

בנוגע שלאפן מיט הויזן; א מיידל טאר נישט גיין מיט הויזן, נישט קיין חילוק בייטאג אדער ביינאכט, אדער ביי עקסערסייז (איבונגען); הויזן פאר א מיידל איז פריצות. אז דו האסט זיך אזוי צוגעוואוינט און עס איז דיר שווער זיך צו אפגעוואוינען דערפון וועסטו באקומען מער שכר, אזוי ווי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ה, כג): "לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא", ווי שווערער עס קומט אן צו מקיים זיין א מצוה אלץ מער שכר באקומט מען.

בעט דעם אייבערשטן זאלסט טרעפן א גוטע שידוך; דורך תפילה קען מען זוכה זיין צו אלעס גוטס; דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות רחמנות, סימן יא): "עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים, זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁידוּכִים טוֹבִים וְהַגּוּנִים", דורך תפילה איז מען זוכה צו טון גוטע שידוכים; דאס איז די איינציגסטע עצה סיי פאר א בחור און סיי פאר א מיידל וואס ווארטן אויף זייער שידוך, מען זאל בעטן דעם אייבערשטן: **"הייליגער באשעפער, העלף מיר איך זאל טרעפן מיין ריכטיגער שידוך שנעל און גרינג".**

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

# א מעשה פון א צדיקת

די הייליגע חפץ חיים איז געזעצן אין זיין שטוב און געלערנט, אינמיטן הערט ער א קלאפ אויפן טיר. א איד קומט אריין און דער הייליגע חפץ חיים פרעגט אים וואס ער וויל, ענטפערט ער אז ער וויל א ברכה אויף ערליכע קינדער. דער הייליגע חפץ חיים נעמט א לייטער און קריכט ארויף הויך, און זוכט עפעס הויך אין זיין ספרים שאנק.

דער איד איז געווען זיכער אז דער חפץ חיים גייט אים יעצט ווייזן עפעס א סגולה וואס קיינער האט נאכנישט געהערט פון דעם. אבער ניין, דער חפץ חיים נעמט אראפ אן אלטע, שטויביגע תהלים, וואס איז געווען אויפגעבלאזן פון נאסקייט. ער ווייזט עס פאר דעם איד, "זעסט, דאס איז מיין מאמע'ס תהלים. ווייסטו פארוואס עס איז אויפגעבלאזן? ווייל מיין מאמע האט דא פארגאסן אסאך טרערן פאר ערליכע קינדער."

האט די הייליגע חפץ חיים אויסגעפירט, אויב מען וויל האבן ערליכע קינדער דארף מען אסאך בעטן דער אייבערשטער, און נאר אזוי איז מען זוכה צו האבן ערליכע קינדער.

**אפשר קען א מיידל טראכטן יעצט דארף איך נאכנישט בעטן אויף גוטע קינדער, ווייל איך האב דאך נאכנישט קיין קינדער. ווען איך וועל האבן קינדער וועל איך בעטן דער אייבערשטער זיי זאלן זיין ערליך. אבער עס איז נישט אזוי, א מיידל וואס האט שכל הייבט שוין אן בעטן יעדן טאג דער אייבערשטער, "הייליגע באשעפער העלף אז מיינע קינדער זאלן זיין ערליך און וואויל און זיי זיי זאלן זיין גרויסע צדיקים און צדקניות וואס זאלן לעכטיג מאכן דיין וועלט!"**



# פון אונזערע לערערינס...

טייערע... תחי'

איך זעה אז עפעס באדערט דיר, עפעס טוט דיר וויי, אדער פילסטו נישט גוט. אבער איך וויל דיך זאגן אז אן ערוואקסענע מיידל, אויב זי האט א פראבלעם וואס מאכט זי זאל נישט קענען מיטהאלטן די דאווענען און די לערנען, לערנען, קומט זי עס זאגן פאר די טיטשער אדער שרייבט זי א צעטל. סתם זיצן און אויסזען ווי מען בלאזט איז נישט די וועג. אפילו אויב עכט בלאזטו נישט, אבער פאר דיין לעבן דארפסטו דעס וויסן ; קיינער האט נישט ליב צו לעבן מיט איינער וואס "זעט אויס" באבלאזן. אויב עס איז דא א פראבלעם דערציילט מען עס, און אויב נישט לייגט מען א שמייכל. איך וואלט עס איגנארירט ווייל עס שטערט מיך נישט ווען איינער בלאזט, אבער איך האב דיך ליב און איך וויל דו זאלסט האבן א גוטע לעבן מיט דיין מאמע, און דערנאך מיט דיין מאן און קינדער. אויב דו וועסט זיך אויסשמועסן ווען עפעס באדערט דיך און פרובירן איבערצו לייגן א שמייכל און זיך "מאכן" פריילעך (אפילו ביסט נישט) וועסטו האבן א פרייליכע גוטע לעבן בעז"ה!

קען זיין אז עס איז נאר געווען מיין פאנטאזיע אז דו האסט געהאט א פראבלעם, אבער אפילו אויב יא האט זיך סיי ווי געלוינט דיר צו שרייבן.

מיט ליבשאפט,

# רעספי

ambrosia

1 can peaches

Can crushed pineapple

1 16 oz whip

1 bag strawberries

1 c orange juice



Blend strawberries and peaches. Then add rest of ingredients and mix.

נישט פארגעסן צו בעטן דער אייבערשטער עס זאל גוט געלונגען!

# ספר המדות ווינקל

## אות אכילה

א. מִמַּה שֶּׁאַתָּה אוֹכֵל תְּשַׁיֵּר כְּדֵי שֶׁיָּחוּל בִּרְכַּת הַשֵּׁם בִּמְזוֹנוֹתֶיךָ.

זאלסט איבערלאזן אביסל פון דיין עסן כדי די ברכה פון דער אייבערשטער זאל גיין אין דעם.

ג. עַל־יְדֵי בִּרְכַּת־הַמָּזוֹן נִתְוַדַּע הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בָּעוֹלָם.

דורך ברכת המזון ווערט דער אייבערשטער באוואוסט אויף די וועלט.




# מזל טוב

בית פיגא וואונטשט א הארציגע מזל טוב פאר:

## דער חשובע ראש ישיבה שליט"א

צו די נייע אינגל בעיבי!

## פעסי ניישטיין (שטראססער)

צו איר חתונה!

## פערעלע טייטלבוים

צו איר שידוך!

## א גוט שבת!



זמן שבת: 5:37

זמן מוצש"ק: 7:06

## קוואל פון חיזוק

212-444-9169

א האלבע קינד...

הערט א שיעור פון מרת לעזער

2,4,2,100